UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Fartseykhenungen Un Bamerkungen (Notes and Observations)

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/4zd9t8q2

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 94(1)

**Author**
(S. Nutkevitz), S. Nutkevitsh

**Publication Date**
1979-09-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

ס. נוטקעוויטש

# פאַרצייכענונגען און באַמערקונגען

## די „פּראָווינץ״

נאָך אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן פלעגן רעדנערס, פאַרלייענערס, אַרטיסטן, חלומען וועגן אַרויסכאַפּן זיך אויף דער „פּראָווינץ״. די פּראָווינץ האָט געהייסן: קלענערע שטעט און שטעטלעך, ווייט פון דער מעטראָפּאָליע, וווּהין מען פלעגט פאָרן מיט אַן אויטאָבוס אָדער קליין־באַן.

דער ווילן צו פאָרן אין די שטעטלעך איז געווען באַגרינדעט מיט אַ בענקשאַפט נאָך אַביסל וויניקער טומל, מער אינטימקייט און דער עיקר — מיט אַ דורשט נאָך עכטער פריינדשאַפט אין די פּערזענלעכע באַציִונגען צווישן מענטש און מענטש.

איך קום אָקאָרשט צוריק פון אַ רייזע אין קאַנאַדע. דער ציל פון דער רייזע איז געווען אָנטייל צו נעמען אין אַ קאָנפערענץ פון יידישע „סאָשל וואָרקערס״ וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין טאָראָנטאָ. דאָס איז געווען די 81טע יערלעכע קאָנפערענץ פון דער „קאָמיוניטי סירוויס״ וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1899, און נעמט היינט אַרום די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס פון יידישע דערציערס, צענטער־מיטאַרבעטערס, „קאָמיוניטי רילײשאַנס״, סינאַגאָגע און טעמפּל אָנגעשטעלטע, פאַמיליע און קינדער דערציונג, פּלאַנירער און מיטאַרבעטער פון אינסטיטוציעס פאַר עלטערע.

איבער טויזנט פּראָפעסיאָנאַלן זיינען געקומען צו אַ פיר־טאָגיקער קאָנפערענץ, וווּ די הויפּט טעמע איז געווען: „די פאַרזיכערונג פון יידיש לעבן און דער פאַרמעסט פאַר ענדערונג.״ די זיצונגען, סעמינאַרן און סימפּאָזיומס פלעגן זיך אָנהייבן 8 אין דער פרי און זיך ענדיקן שפּעט אין אָוונט. מיין וויניקייט האָט זיך באַטייליקט אין צוויי סימפּאָזיום־זיצונגען מיט רעפעראַטן „וועגן עלטערע מענטשן — מיט אָדער אָן פאַמיליע פאַרבינדונגען״ און „סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען ביי דערוואַקסענע.״

עס איז געווען ווי אַ מין נאַציאָנאַלער צוזאַמענקונפט פון דער יידישער פּראָפעסיאָנאַלער אינטעליגענץ, וואָס ראַנגלט זיך מיט קולטור, שפּראַך און קיום־פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק. די קאַנאַדער יידן האָבן אַלץ געטאָן אַז די קאָנפערענץ זאָל שטיין אויף אַ הויכער אינטעלעקטועלער מדרגה און איר אַרומגערינגלט מיט היימישער וואַרעמקייט און זאָרג. אין דער זעלבער צייט האָבן זיי באַוויזן זיך אַליין צו פּרעזענטירן מיט אָריגינעלע און דערפאָלגרייכע אויפטוען אויף אַלע געביטן פון געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן. אָפט מאָל האָבן די אַמעריקאַנער דעלעגאַטן מיט קינאה געטראַכט: „הלוואי אויף אונדז געזאָגט געוואָרן.״

אין די באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ רוקן זיך אַרויס פּרינציפּיעלע פראַגן וועגן אַן אינטענסיווער ווידער־אויפלעבונג פון נאַציאָנאַל־יידישע פּראָבלעמען ווי קולטור, ישראל, שפּראַך, אַקטיווע באַטייליקונג אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אאַ״וו. עס זיינען אויך דיסקוטירט געוואָרן פראַגן אין שייכות צו דער עמיגראַציע פון סאָוועטישע יידן קיין ישראל, אַמעריקע און אַנדערע לענדער.

די דעמאָקראַטיזאַציע שטרעבונג פון יידישן קהילה לעבן האָט באַקומען גרויס אויפמערקזאַמקייט. עס ווייזט זיך אַרויס אַז אין אַלע גרעסערע קהילות פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע איז דאָ אַן אויפריכטיקער ווילן אַריינצוברענגען גרעסערע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אַלס פול באַרעכטיקטע מיטגלידער פון די קהילות.

גרויס אָנזען האָבן ביי דער קאָנפערענץ אַרויסגעוויזן די פּראָפעסיאָנעלע פירער פון די יידישע מושבי־זקנים. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פון די באַריכטן, אַז די „היימען״ זיינען שטאַרק מאָדערניזירט געוואָרן און אַז די פּראָגראַמען שטייען אויף אַ הויכן ניוואָ. די קאַנאַדער יידן

שטאַלצירן ספּעציעל מיט זייערע עלטערהיימען און אַז די קאַנאַדער רעגירונג העלפט אין דעם פּרט זייער אַ סך.

צווישן די פֿאַרשיידענע זייער אייַנדרוקספֿולע אויפֿנאַמעס איז די פּאָפּולערסטע פֿאַרגעקומען אין דעם פּרעכטיק מאָדערנעם זאַל פֿון טאָראָנטער שטאָט־ראַט. עס האָט אויסגעזען אַזוי ווי די יידישע קהילה וואָס האָט אויפֿגענומען די דעלעגאַטן האָט געוואָלט באַווייזן ווי אָנגעזען זי איז ביי די שטאָט באַלעבאַטים פֿון טאָראָנטאָ. די עסטעטיש און אינהאַלטסרייכע פּראָגראַם און די חסידישע מוזיק וואָס איז געשפּילט געוואָרן, די ווייַנען און געשמאַקע מאכלים וואָס זייַנען סערווירט געוואָרן, די אויסערגעוויינלעכע גאַסטפֿריינדלעכקייט האָבן אַרויסגערופֿן אנערקענונג און דאַנקבאַרקייט פֿון די דעלעגאַטן געסט.

* * *

אין די צוויי קאַנאַדער שטעט, טאָראָנטאָ און מאָנטרעאַל, איז נישטאָ — לויט אונדזער מאָס — קיין „סמאָג" פּראָבלעם. די לופֿט אין ביידע שטעט איז ריינער ווי ביי אונדז. און די זיכערקייט פֿון דער באַפֿעלקערונג איז אַ בעסערע. נישטאָ די מורא ווי ביי אונדז פֿון איבערפֿאַלן, רייסן בייטלען, טעראָריזירן און שלאָגן. אין די גאַסן שפּאַצירן מענטשן ביז שפּעט ביינאַכט. אין מאָנטרעאַל זייַנען מיר אָנוועזנד געווען ביי אַן אָוונט קאָנצערט אונטערן פֿרייען הימל. אַרום פֿיר טויזנט מענטשן האָבן באַזוכט דעם דורכויס יידישן קאָנצערט, וואָס איז אַראַנזשירט געוואָרן פֿון דעם נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פֿאַר יידיש ביים קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, וואָס באַשטייט פֿון אַרבעטער רינג, ציוניסטישן אַרבעטער פֿאַרבאַנד, יידישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק און דעם סיידי בראָנפֿמאַן צענטער. דער קאָמיטעט שטייט אונטער דער ענערגישער אָנפֿירונג פֿון שרה מלאָטעק זילבערג.

אין טראָנטאָ ווי אויך אין מאָנטרעאַל האָב איך געהאַלטן לעקציעס וועגן יצחק באַשעוויס זינגער, וועגן דער „דזשאַנסטאָון" טראַגעדיע און אַנדערע טעמעס. די לעקציעס זייַנען איינגעאָרדנט געוואָרן פֿון די דאָרטיקע אַרבעטער רינג קאָמיטעטן און „בונד", און אין מאָנטרעאַל — פֿון אַרבעטער רינג בשותּפֿות מיט דער יידישער פֿאָלקס־ביבליאָטעק. אין די צוויי שטעט הערט מען נאָך יידיש אין די גאַסן. קאָנצערטן, טעאַטער פֿאָרשטעלונגען קומען זייער אָפֿט פֿאָר. און יידיש לשון איז זייער פּאָפּולער צווישן יונגע מענטשן. די חברישע, פֿריינדלעכע אַטמאָספֿערע אין דעם יידישן קאַנאַדע איז עכט און אָפֿנהאַרציק. די דאָרטיקע אינסטיטוציעס אַנטוויקלען אַ קאָלאָסאַלע געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייט ממש צו באַוואונדערן.

די אינסטיטוציע פֿון דער יידישער פֿאָלקס־ביבליאָטעק איז מן הסתם איינע אין דער וועלט. 2500 קינדער געניסן פֿון דער יידישער קינדער־ביבליאָטעק, וואָס איז אויסגעשטאַט מיט געשמאַק און מיט ספּעציעלע מעבל. זיי האָבן ספּעציעלע אונטערנעמונגען, וואָס ווערן באַזוכט פֿון 50 ביז 100 קינדער יעדן מאָל. אין דעם פֿאַרגאַנגענעם יאָר האָט די ביבליאָטעק אויסגעגעבן מער ווי צוואַנציק טויזנט טאָלער פֿאַר ביכער און אויסשטאַטונג. דערפֿרייענדיק איז אויך וואָס אַ זייער גרויסע צאָל פֿון ייִנגערע מענטשן זייַנען צוגעצויגן געוואָרן צו דער אַרבעט. די ביבליאָטעק האָט 6168 מיטגלידער וואָס צאָלן פֿון 5 ביז 100 דאָלער אַ יאָר מיטגלידס אָפּצאָל.

אין קוויבעק איז דער יידישער ישוב די לעצטע יאָרן אַביסל אומרואיק צוליב דעם וווּקס פֿון פֿראַנצויזישן נאַציאָנאַליזם. אַ שטילע עמיגראַציע גייט אין דער ריכטונג פֿון טאָראָנטאָ. אַ היפּשע צאָל געשעפֿטן זייַנען פֿאַרקויפֿט געוואָרן. מען רעכנט אָבער אַז צו קיין מאַסן־עמיגראַציע וועט עס ניט דערגיין. די יידישע קהילה באַמיט זיך, אַז עס זאָל ניט קומען צו קיין בהלה.

אינעווייניק אין דעם יידישן קהילהלעבן גייט אָן אַ גרויסער דעמאָקראַטיזאַציע פּראָצעס, וואָס זיין ציל איז אַריינצוציען אין דער קהילה אַלע פּראָדוקטיווע עלעמענטן און אַזוי ערנאָך פֿאַרשטאַרקן דאָס יידישע לעבן אין קאַנאַדע אויף אַלע געזעלשאַפֿטלעכע געביטן.

די איבער דריי וואָכן פֿאַרברענגען צווישן קאַנאַדער יידן איז געווען און פֿאַר־

בליבן פאַר מיר אַ דערפרישונג און גייסטיקע דערהייבונג. באַקענענדיק זיך מיט אַ גרויסן טייל פון די קאַנאַדער יידישע שרייבערס און קולטור טוערס איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז מיר דאַ אין לאָס אַנדזשעלעס דאַרפן זיך דערנענטערן מיט זיי. ביידע צדדים וואָלטן דערפון געוואונען.

## דעמאָקראַטיזירונג פון יידישן לעבן

אין אַ רייע שטעט פון אַמעריקע אַנטוויקלט זיך איצט אַ שטרעבונג צו דעמאָקראַטיזירן דאָס אינערלעכע לעבן פון די יידישע קהילות. קודם כל קומט דאָס צום אויסדרוק אין די גרעסערע שטעט. און די זעלבע שטרעבונג כאַפּט אויך אַרום די פּראָווינץ. דאָס שפּריכוואָרט: „ווער עס האָט די מאה האָט די דעה" ווערט פאַרבלאַסט. אין די נאָענטסטע יאָרן מעגן מיר דערוואַרטן אַ בפירושע איבערקערעניש אין אַ סך קהילות פון אַמעריקע און קאַנאַדע.

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער יידישער קהילה אין לאָס אַנדזשעלעס ווערן איצט אָנגענומען פּראַקטישע מיטלען צו דעמאָקראַטיזירן די יידישע וועלפעיר פעדעראַציע, וואָס רעפּרעזענטירט די איבער האַלבן מיליאָן יידן פון אונדזער שטאָט. עס הייבט זיך אָן מיט דער ענדערונג וואָס איז איינגעפירט געוואָרן, אַז צ ע ן מיטגלידער פון דער וועלפעיר באָרד זאָלן געוויילט ווערן פון די מיטגלידער פון דער פעדעראַציע, וואָס האָבן פאַר דעם יערלעכן קאַמפּיין איינגעצאָלט פינף דאָלער פאַרן לויפנדיקן יאָר. די באָרד באַשטייט פון 50 מיטגלידער. ביז איצט זיינען זיי דעלעגירט געוואָרן פון די עקזיסטירנדיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס. כדי דערוויילט צו ווערן פון דער „ברייטער געזעלשאַפט" מוז דער קאַנדידאַט האָבן די אונטערשטיצונג פון 50 מיטגלידער, וואָס האָבן זיך בייגעשטייערט מיט אַ מינימום פון פינף דאָלער פאַר דעם וועלפעיר־קאַמפּיין. אויב עס וועלן פאַרגעשלאָגן ווערן מער ווי צען קאַנדידאַטן, וועלן זיי דאַרפן דערוויילט ווערן מיט אַ געוויינטלעכער מערהייט שטימען ביי דער אַלגעמיינער קאַנדידאַטן פאַרזאַמלונג וואָס וועט היי־יאָר פאָרקומען זונטיק דעם 21טן אָקטאָבער אין גרויסן זאַל פון דער פעדעראַציע.

פאַר אַ סך יאָרן איז שטילערהייט אָנגעגאַנגען אַ דיסקוסיע וועגן דעם ווי אַזוי קען די קערפּערשאַפט פון דער פעדעראַציע, וואָס זאַמלט יערלעך איבער 30 מיליאָן דאָלער און איז דער באַלעבאָס איבער וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און טעטיקייטן דעמאָקראַטיזירט ווערן? די דיסקוסיע האָט זיך אָנגעהויבן אין די קרייזן פון דער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט פאַרשטאַנען אַז עפּעס מוז געטאָן ווערן וועגן צוויי דערשיינונגען: ערשטנס, אַז נאָך 25 טויזנט יידישע משפחות זאָלן אנטייל נעמען אין די געלט־זאַמלונגען. צווייטנס, אַז די פעדעראַציע מוז זוכן אַ נענטערן קאָנטאַקט מיט די צענדליקער טויזנטער יידן וואָס וווינען אין לאָס אַנדזשעלעס און אומגעגנט.

ווען מען זאָל אפילו אָננעמען אַז אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג איז פאַרערעמט און איז נישט בכוח זיך צו באַשטייערן מיט גרעסערע סומעס געלט, איז דער באַשלוס אַז מענטשן וואָס וועלן איינצאָלן פינף דאָלער אַ יאָר פאַרן קאַמפּיין זאָלן זיין באַרעכטיקט אנערקענט צו ווערן ווי מיטגלידער — איז אַ זייער דעמאָקראַטישער.

די „ברייטע יידישע געזעלשאַפט" וועט דאַרפן ענטפערן אויף דעם אַרויסרוף. אַ גרויסער דערציונגס פּראָגראַם מוז פּראָקלאַמירט ווערן כדי צו וועקן דעם אינטערעס און דעם ווילן ביי דער יידישער באַפעלקערונג זיך צו וועלן אידענטיפיצירן מיט דער ל. א. יידישער קהילה. עס גייט אין דעם צו דערוועקן דעם געפיל פון „באַלאַנגען" צו דעם יידישן כלל. אויב דאָס זאָל זיך איינגעבן וועט די דעמאָקראַטיזאַציע פון דער קהילה זיין אַ דערפאָלג.